NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11051

YAPONISHE MAYSELAKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאפּאָנישע מעשהלאך

איבערגעזעצט פון יאפּאָניש

מ. ראקאָווסקי.

באארבעט

פּ. קאפּלאַן.

פארלאג

א. אַלבעק

ביאליסטאָק.

1921.

דרוק מ. פּרושאנסקי, ביאליסטאָק.

יאַפּאַנישע מעשׂהלאך

I.

באַנאַווע אָקיטשי.

כאַנאַווע אָקיטשי.

I.

אין אַלטע, אַלטע צײַטן איז אין יאַפּאַניע אַ גרויסער געלערנ־טער געווען, כאַנאַווע אָקיטשי.

יונגערהייט האָט דעם גרויסן געלערנטן אַ שרעקלאַכער אומגליק געטראָפֿן; ער איז קראַנק געוואָרן אויף די אויגן. האָט ער בײַ דאָקטוירים געפֿרעגט און בײַ הײליגע לײַט, אָבער קײנער האָט אים העלפֿן ניט געקענט.

כאַנאַווע איז בלינד געוואָרן.

שלעכט איז דעם בלינדן, אויך ווען ער איז רײַך. דער טײַערסטער אוצר פֿון דער וועלט, די ליבסטיגע שײַן, איז פֿאַר אים פֿאַרשטעלט.

אָבער נאָך ערגער איז דעם בלינדן, ווען ער איז אָרים: שווער און ביטער קומט אים אָן, זיין שטיקל ברויט צו געפינען.

פלעגן די אָרימע בלינדע זיך אַן עצה גע־פינען: מיט אַ שפּיל־כּלי די קלייטישע הערצער דערפרייען, אָדער דורך מאַסאַזש זייער בלוט דער־וואַרימען.

גייט אַן אָרימער בלינדער אין גאַס, מיט אַ שטעקן אין האַנט, אויפן אָרים פון אַ קליין קינד אָנגעשפּאַרט, שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ הייזל און שפּילט אַ האַרציג לידל.

דערבאַרימען זיך אויף אים גוטע מענטשן און וואַרפן אים אַ מטבע צו.

און אַן אַנדער אָרימער בלינדער גייט אין אַנדערע גאַסן, מיט אַ שטעקן אין האַנט, אויף אַ קינד אָנגעשפּאַרט, און שרייט:

—מאַסאַזש פאַר דריי מאָן! מאַסאַזש פאַר דריי מאָן!

שטעקן זיך אַרוים געלע פּנימער פון די לעכער פון זייערע הײַזלאַך און רופן אים אַרײַן, זעטיגן אים אָן און גיבן אים אַ מטבע.

אַזוי איז עס הײַנט און אַזוי איז אויך געווען פאַרצײַטנס.

און כאַנאַווע אָקיטש, דער בלינדער געלערנטער, האָט אויך געמוזט פון די צוגעוואָרפענע מטבעות לעבן.

II.

אָבער גרוים איז אָקיטשיס לוסט צום לערנען געווען. זײַן וואַנדלען נאָך ברויט האָט אים די צײַט גערויבט. און ווי האָט ער בלינדערהייט געקענט פון לערנען טראַכטן?

פון קינדווײַז אָן האָט ער די יאַפּאָנישע אַלטע ספרים געלייענט. מיט גרוים חשק האָט ער זיי אויך איצט געהאַלטן אין זײַנע אָרימס, לײַדנשאַפטלאַך אַרומגעטאַפּט, אָבער פאַרשוואונדן איז פאַר אים אַלץ, וואָס דאָרט איז אָנגעשריבן גע-

וועֶן. זײַערע בלעטער האָבן צו אים ניט גערעדט.

כאַנאַווע האָט געפּרובט אין זײַן זכּרון אַרויסרופן אַלע שײנע ווערטער, אַלע פּרעכטיגע בילדער, וואָס ער האָט פון די ספרים אַרויסגע־לײענט. אָבער זײ זײַנען פאַר אים ווי צושװאו־מענע שאָטנס געשטאַנען. זײַן האַרץ איז ניט זאַט געוואָרן.

אין אײן פּרימאָרגן האָט כאַנאַווע דערשפּירט, אַז די לופט איז רײן און טרוקן און זיסע ריחות טראָגן זיך אַרום.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די זון שײַנט און די נאַטור בליט און לעבט.

מיט אָנזופיגער בענקשאַפט איז ער פון זײַן שטיבל אַרויס, נאָר געלאָזן האָט ער זיך ניט צו די מענטשן אין די גאַסן, נאָר צום פעלד, צום וואַלד אַרויס, מיט זײַן שטעקן האָט ער דעם ברײטן וועג אָנגעטאַפּט.

כאַנאַווע איז געגאַנגען לערנען. אין יעדע

איז אַ גרויסער געלערנטער געװעזען. דאָרטען װעלען אים זיינע שוואַכע פיס פירען, דאָרטען װעלען אים גוטע מענטשן וויזען, דאָרט װעט ער די לופט פונם ליבען געלערנטען אָטעמען, די שיינע קלוגע ווערטער וועלען אים אין די אויערן אַריינדרינגען, ער וועט זיין לעכצנדיגע האַרץ אָנזעטיגען.

III.

יאָרנלאַנג איז כאַנאַווע אין יערדאַ געזעסען, די תורה פונם גרויסען געלערנטען געהערט, יעט־ווידער וואָרט אין זיין זכרון באַהאַלטען, אין איינ־זאַמקייט, אונטערן גערויש פון אַ שטילנקן טייכל, אונטערן געזאַנג פון פויגעלאַך אין די בלעטער, פלעגט ער איבערלערנען אַלץ, וואָס געהערט.—

און כאַנאַווע אָקיטשי איז געװאָרען דער בעסטער תלמיד פון גרויסען געלערנטען, און זיין שם האָט אָנגעהויבען קלינגען אַרום און אַרום אין אַלע שטעטלאַך, אין גאַנץ יאַפּאָניע.

ווען זיין האַרץ איז שוין אָנגעזעטיגט גע־

וואָרן, ווען זײַן זכּרון איז געוואָרן אַ אוצר פֿון די שענסטע ווערטער און רײַכסטע בילדער, האָט זיך אין כּאַנאַווען אַ חשק דערוועקט: פֿאַרשפּרייטן די תּורה פֿון זײַן געלערנטן רבי אין די ווײַטערע מקומות.

איז כּאַנאַווע צוריק אין זײַן שטעטל אַוועק, און ס'האָבן זיך אַרום אים צוזױפֿגעקליבן אַ סך תּלמידים, וואָס האָבן נאָך תּורה געלעכצט. און כּאַנאַווע האָט זיי פֿאַרציילט אַלץ, וואָס ער האָט פֿון זײַן רבין געלערנט.

פֿערל האָבן זיך פֿון זײַן מויל געשאָטן. מיט דער זעלביגער מתיקות, ווי ער פֿלעגט אַמאָל פֿון די סטרונעס פֿון זײַן שפּיל־כּלי די שיינע נגונים אַרויסקלינגען, האָט ער איצט פֿון זײַן מויל חכמה און וויסנשאַפֿט הערן געלאָזט. און די תּלמידים זײַנען שטיל געזעסן, ווי פֿאַרכּשופֿט, האָבן די פֿערלדיגע ווערטער געקליבן, אין שנירלאַך גע־פֿלאָכטן, און ס'איז די תּורה פֿון די אַלטע יאַ־פּאַנישע ספֿרים אין ברייטן עולם פֿאַרשפּרייט גע־

וואָרן.

זײַנען די מענטשן קליגער געוואָרן און האָבן בעסער געלעבט.

IV.

און אין די שפּעטע אָווענטן, ווען די תּלמידים פֿלעגן דעם געלערנטן רבין פֿאַרלאָזן איז כּאַנאַווע אָקיטשי אַלײן געזעסן און האָט געשריבן.

ווי אַ ליכט איז אים אין זײַנע בלינדע אויגן אויפֿגעגאַנגען, עס האָבן זיך פֿאַר אים די פּרעכטיגסטע בילדער געוועבט, די שענסטע ווערטער און געדאַנקען האָבן זיך פֿאַר אים אין רײען געשטעלט און ער האָט געשריבן און גע=שריבן.

לאַנגע יאָרן האָט כּאַנאַווע אָקיטשי זײַנע ספֿרים געשריבן, ביז ער האָט זײער צאָל שוין ניט געוואוסט:

זײַנע תּלמידים האָבן זײ איבערגעשריבן און

שפּעטער אין פֿאָלק פֿאַרשפּרייט.

עס זיינען געווען 2850 ספרים. ס׳האָט נאָך קיין זעהענדיגער געלערנטער אַזוי פֿיל ספרים ניט געשריבן, ווי דער בלינדער כּאַנאַוואַ אָקיטשי.

V.

און ס׳איז געווען, בעת די תּלמידים פֿון כּאַנאַוואַן האָבן זיינע ספרים געשריבן, האָבן זיי איינמאָל צו אים געזאָגט:

—גרויסער לערער! דו האָסט אונז אַזוי פֿיל חכמה געלערנט, האָסט פֿאַר אונז די קוואַלן פֿון איבּיגער וויסנשאַפֿט אַנטפּלעקט. מיר ווילן אָבער אין דיינע ספרים אונזערע אויגן איינפּרעסן, כּדי די ווערטער זאָלן פֿון אונזער זכרון קיינמאָל ניט אָפּגעווישט ווערן.

כּאַנאַוואַ האָט געשמייכלט און געזאָגט:

—זעט, אַ בלינדער בין איך, ווי אַ געדיכ־טער שוואַרצער שלייער הייגגט פֿאַר מיינע פֿאַר־שלאָסענע אויגן. אָבער די קערנער פֿון חכמה

זײַנען אין מיר אײַנגעזײַט און האָבן פּרוכט גע־
בראַכט. וואָס דאַרפֿט איר אין די בלעטער פֿון
מײַנע ספרים גאָט זוכן, ווען זײַן קול רעדט צו
אײַך פֿון מײַן מויל און זײַן גרויסקײַט אַנטפּלעקט
זיך צו אײַך פֿון די אָרומיגע פּרעכטיגקײַטן?

נאָר שטאַרק האָבן אים די תּלמידים גע־
בעטן, און כאַנאַווע האָט זײ נאָכגעגעבן.

און פֿון דאַמאָלס אָן האָבן כאַנאַוועס תּלמידים
אין זײַנע ספרים געלערנט און אַלע ווערטער אין
זײער זכרון אײַנגעלײגט.

VI.

אײַנמאָל אין אָוונט זײַנען זײ אין הײַזל גע־
זעסן און בײַ וואַקסענע ליכטלאַך פֿון די ביכער
געלערנט. פּלוצים האָט אַ ווינטל פֿון דרויסן אין
די לעכער אַרײַנגעבלאָזן און די ליכט פֿאַרלאָשן.

אין הײַזל איז פֿינסטער געוואָרן. די תּלמידים
האָבן אויפֿגעהערט לערנען.

—פֿאַרוואָס דערצײלט איר ניט ווײַטער

פֿון די שײנקײטן פֿון דער נאַטור?—האָט כּאַנאַװע געפֿרעגט.

האָט אײן תּלמיד געענטפֿערט:

—גרױסער לערער, מיר זעהען ניט די װערטער פֿון דײַן קלוגן ספר. אין הױז איז פֿינסטער. אַ װינט האָט די ליכט אױסגעלאָשן. װאַרט, ליבער לערער, מיר װעלן פֿײַער אָנקלאַפּן און די ליכט אָנצינדן, װעלן מיר װידער דײַן חכמה לערנען.

דאַמאָלס האָט כּאַנאַװע אָקיטשי זיך אָנגערופֿן און געזאָגט:

—װי! שװאַך זײַנט איר, זעהענדיגע, קענן אונז, בלינדע! אָן ליכטיגקײט זײַנט איר אומבאַהאָלפֿן! װי גליקלאַך בין איך, װאָס עס קומט מיר קײנמאָל קײן פֿינסטערניש אין האַרצן אַרײַן. מײַן פֿאַרשטאַנד איז שטענדיג העל באַלױכטן.

און די תּלמידים האָבן פֿאַרשטאַנען.



כאנאווץ-קיטשי מיט די תלמידים.

פון דאַמאָלס אָן האָבן זיי די ספרים פונם גרויסן לערער ניט געעפנט.

VII.

זײַנען זיי מיט כאַנאַווע אָקיטשי אין הײַזל געזעסן און האָבן זײַנע קלוגע רייד געהאָרכט. האָט ער זיי אין פעלד און אין וואַלד געפירט, האָבן זיי אין געזאַנג פון די פייגל און אין מורמ־לען פון טײַכל און אין שושקען פון די ביימער די גרויסקייט פון דער נאַטור געלערנט. און אין יעטווידער קוסטל און גרעזל האָבן זיי די אייבינקייט געזען. און דער בלאָנדזשענדיגער ווינטל האָט זיי נאַטור־סודות אײַנגערוימט, און די קאַפּענדיגע רעגנטראָפּנס האָבן זייערע געדאַנקען אָפּגעפרישט און דער שימערירנדיגער רעגנבויגן האָט זיי די פּרעכטיגקייטן פון דער וועלט אָפּגעשפּיגלט.

אַזוי האָט כאַנאַווע אָקיטשי מיט זײַנע תלמידים געלערנט.

אִין אַלטע, אַלטע צײַטן איִז איִן יאַפּאָניע דער גרויִסער געלערנטער געווען, געהײַסן האָט ער כאַנאַווע אָקיִטשי.

II.

דער ביך.

דער בײַל.

I.

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט אין אַ יאַפּאַניש דערפֿל געוואוינט אַן אָרימער האָלץ־העקער, געהייסן האָט ער קיקי.

האָט דער האָלץ־העקער געהאַט אַ גרויסן בײַל אויף דער רעכטער באַק.

ער האָט זיך מיטן בײַל ניט געשעמט, אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געשעמט מיט די מאַזאָליעס אויף די הענט און מיט דער שאַרפֿער האַק, וואָס איז אים שטענדיג געווען אַרײַנגעשטעקט הינטן אין אַ גראָבן שטריק, מיט וועלכן ער פֿלעגט זיך אַרומגאַרטלען.

נאָר ניט אַלע דאָרף־מענטשן האָבן פֿאַר־

שטאַנעֶן, אַז דעֶר בײַל אויפן באַק איִז קײַן חרפּה ניִט. געֶװעֶן אַזוינעֶ, װאָס פלעֶגן זוכן אַ האָלץ העֶקעֶר אָן אַ בײַל.

און דאָס האָט קיִקיִן פאַרדראָסן:

עֶר האָט מוחל געֶװעֶן דיִ מעֶנטשן פאַר דעֶר עולה, װאָס זײ טועֶן איִם. עֶר האָט אָבעֶר געֶהאַט גרוים צער, װאָס דיִ מעֶנטשן פאַרשטײעֶן ניִט אַז גאָטס גאָב איִז קײַן חרפּה ניִט. װעֶמעֶן גאָט גיִט אַ דיִקן קאַרק און װעֶמעֶן מאַזאָליִגעֶ העֶנט און אַ בײַל אויפן באַק!..

II.

אַמאָל איִן אַ שײנעֶם פריִמאָרגן איִז קיִקיִ אַװעֶק איִן דיִ בעֶרג האַקן האָלץ. מיִטאַמאָל איִז געֶװאָרן אַ גרויסעֶר שטורעֶמװיִנט. דעֶר װיִנט האָט געֶריִסן דיִ בלעֶטעֶר פון דיִ בוימעֶר, געֶבראָכן דיִ צװײַגן, געֶהויבן קלומבעֶס זאַמד און געֶטראָגן אונטעֶרן היִמל גאַנצעֶ מחנות שאַרעֶ װאָלקנס.

קיִקיִ האָט מעֶר ניִט געֶקעֶנט האַקן האָלץ.

ניט לאַנג קלערנדיג, האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ לאָך פֿון אַ גרױסן בױם.

דער װינט דרײט און קערט װעלטן, און קיקי שטײט אין פּוסטן בױם און װאַרט ביז דער שטורעם װעט אױפהערן.

געװאַרט און געװאַרט, ביז ס'איז שפּעט געװאָרן, די זון איז פֿאַרגאַנגען, אַ פֿינסטערניש האָט זיך פֿאַרשפּרײט אַרום און אַרום.

קיקי האָט שױן ניט געקענט אַהײם גײן ער איז דעריבער געבליבן אין זײַן באַהעלטעניש און געװאַרט ביזן פֿרימאָרגן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן אײַנגעבױגן אין לאָך פֿון בױם. געזעסן און גע־װאַרט.

ביז װאַנען ער איז אײַנגעשלאָפֿן.

III.

אין מיטן נאַכט דערהערט קיקי אַ קלאַפּ. אַ דערשראָקענער כאַפּט ער זיך אױף און קוקט

אַרוּים פֿוּן בוּים־לאַך.

איז ער לכתחילה געוואָרן אַ אויפגעצי־טערטער:

ער האָט דערזען, ווי אַרוּם אים האָבּן זיך צונויפגעקליבּן פֿאַרשײדענע נפשות מיט משונה־דיגע פּנימער. אַ גרויסער פייער האָט געפֿלאַקערט.

און די נפשות האָבּן פּלוצים אָנגעהויבּן טאַנצן, שפּרינגען און זיך לוסטיג מאַכן. נאָכדעם האָבּן זיי אַ סעודה געמאַכט. דער ריח פֿון די מאכלים און געטראַנקען האָט זיך געטראָגן אין דער לופֿטן, צוגלייך מיט ליבּלאַכע קלאַנגען פֿון אַ כּשופֿדיגער מוזיק און הילכיגע טופּעניש פֿון די טאַנצנדיגע סודותפֿולע שאָטנס.

ביי קיקין איז דער פּחד פֿאַרשוואונדן געוואָרן. ער האָט זייער ליבּ געהאַט מוזיק און הוני־געריג איז ער געווען און אויף טאַנצן איז ער געווען אַ מייסטער. אויף דאָרפֿישע חתונות איז ער געווען דער בעסטער און ליבּסטער טענצער.

האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון בוים־לאָך, האָט זיך דערנענטערט צו די טענצערס און אָנגעהויבן מיט זיי מיטטאַנצן.

IV.

צווישן דעם עולם טענצערס איז תחילת אַנטשטאַנען אַ מהומה. פון וואַנען קומט אַהער אַזאַ אויסטערלישע באַשעפעניש? נאָר דערזעהענדיג ווי זיינע פיס דרייען זיך אין גלייכן טאַקט און די גאַנצע פיגור שוועבט האַרמאָניש און גראַציעז איבער דער ערד נאָכן קלאַנג פון דער מוזיק, האָבן אַלע פלוצים אויפגעהערט טאַנצן און זיינען געבליבן שטיין אין גרויס התפעלות אַרום דעם פרעמדן טענצער.

די מוזיק האָט געשפילט און קיקי האָט געשוועבט צווישן עולם מיט היץ, מיט ברען. קוים קוים האָבן זיינע שפיצן פינגער באַרירט דעם באָדן אונטער די פיס, דער גאַנצער גוף איז געווען גלייך ווי אַ אָנגעצויגענע סטרונע, בלויז די

קאָפּ האָט זיך באַוועגט אויף רעכטס און אויף לינקס לויטן ריטם פון טאַנץ און די הענט האָבן וואויל־יונגעריש אונטערגעשפּאַרט די בויגעוודיגע לענדן.

און די גאַנצע מחנה משונהדיגע ברואים איז געשטאַנען אַרום אים און האָט צוגעפּאַטשט צום טאַקט מיט די הענט.

נאָכן טאַנצן האָט מען קיקין מכבד געווען מיט די בעסטע מאכלים און געטראַנקען. איז זיין געמיט נאָך פריילאַכער געוואָרן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן טאַנצן, נאָך מיט מער התלהבות און קונציגקייט ווי פריהער.

אַזוי איז אַריבער די גאַנצע נאַכט אין עסן און טרינקען און טאַנצן.

V.

אַז ס׳איז טאָג געוואָרן, האָבן די ברואים געזאָגט:

— אונזער צייט איז שוין געקומען. מיר

דאַרפֿן זיך מיט דיר געזעגענען.

— דיין טאַנצן איז װאונדער־שײן!—האָט אײנער געזאָגט—דו האָסט אונז זײער גוט פֿרײלאַך געמאַכט. קום די אַנדערע נאַכט װידער, װעלן מיר עסן און טרינקען און טאַנצן צוזאַמען.

— גוט—האָט קיקי געזאָגט אַ צװאַרימטער—איך װעל קומען.

און אײנער פֿון די ברואים האָט דערזען בײ קיקין אויפֿן באַק דעם בײל. זאָגט ער:

— זעט נאָר, ס'אַ שײנע זאַך אונזער טענצער האָט אויפֿן באַק! איך װעל עס בײ אים צונעמען פֿאַר אַ משכּון, ביז װאַנען ער װעט קומען צוריק.

—גוט!—האָבן אַלע אויסגעשריען—נעם בײ אים דעם משכּון, לאָמיר זיכער זײן, אַז ער װעט די אַנדערע נאַכט װידער צו אונז קומען.

האָט די בריאה אויסגעשטרעקט די האַנט צו קיקיס פּנים און אַרויסגעצויגן דעם בײל.

קיקי האָט דערשפּירט, אַז אים איז גרינגער געוואָרן, ווי אַ צענטנער משא איז אים פון פּנים אַראָפּ.

דערווײַל איז שוין גרויסער טאָג געוואָרן. האָט ער זיך צוזעגנט מיט די נאַכטיגע חברים.

VI.

ווי אַ פאַרשלאָפענער איז קיקי פּלוצים ווידער געשטאַנען נעבן פּוסטן בוים. ער קוקט זיך אַרום: די טאַנצנדיגע. ברואים זײַנען נעלם געוואָרן. בײַם ראַנד פון הימל ציהען זיך שוין די פּורפּור-פּאַסן פון פרימאָרגן. פון ווײַטנס הערט זיך אַ ביל פון אַ הונט.

ער טוט אַ טאַפּ דעם פּנים: דער בײַל איז ניטאָ. פול פרייד און אַנטציקונג לאָזט זיך קיקי אַהיים.

ווען זײַן ווײַב האָט אים דערזען האָט זי זיך זייער דערפרייט. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, וואָס ער איז ניט געקומען, זי האָט אַלץ

מורא געהאַט, טאָמער האָט אים אינם גרויסן שטורעם אַ אומגליק געטראָפֿן.

קיקי האָט איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, ווי ער האָט זיך אינם פּוסטן בוים באַהאַלטן, ווי ער האָט שפּעטער מיט די משונהדיגע ברואים געטאַנצט און געגעסן און געטרונקען און ווי די בריאה האָט ביי אים פּאַר זיין שיינעם טאַנצן דעם בייל פון פנים אַראָפּגענומען.

—עס איז אַ גרויסער גליק, וואָס דו האָסט דעם בייל ניט!—האָט די ווייב געזאָגט און אים אַ קוש געגעבן.

—יאָ, אַ גרויסער גליק איז עס!—האָט ער איבערגעחזרט און איר דעם קוש אָפּגעגעבן.

און די שמחה פון מאַן און ווייב איז געווען גאָר אומבאַשרייבלאַך.

VII.

אין שכנות מיט קיקין האָט געוואוינט אַן

אַלטיִטשקער, וואָס האָט אויך געהאַט אַ בײַל אויפן פּנים.

ווען ער האָט איִנדערפרי דערזען, אַז בײַ קיִקיִן איִז דער בײַל פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט ער איִם מקנא געווען און אָנגעהויבן אויספאָרשן, וויִ אַזוי ער איִז פון בײַל פּטור געוואָרן.

—וועלכער דאָקטאָר האָט איִם בײַ דיִר אַראָפּגענומען?—האָט ער געפרעגט.

האָט איִם קיִקיִ דערציילט, אַז קײַן דאָק־טאָר און קײַן רופא האָט איִם ניִט געהײלט, נאָר ס'איִז איִם אַ נס געשען.

דער אַלטיִטשקער איִז זײער נײַגעריִג גע־וואָרן און האָט געבעטן קיִקיִן דערציילן איִם, וויִ אַזוי איִז עס איִם געשען אַזאַ נס, וואָס האָט בײַ איִם דעם בײַל פון פּנים אַראָפּגענומען?

קיִקיִ האָט איִם אַלץ דערציילט, וויִ אַזוי ער איִז איִן וואַלד געגאַנגען האָלץ האַקן, וויִ אַזוי עס האָט איִם אַ גרויסער שטורעם געכאַפּט, וויִ

אַזוֹי עֶר האָט זיך אין אַ בּוים־לאָך פאַררוּקט, ווי אַזוֹי ס'איז פינסטערע נאַכט געוואָרן און משוּנהדיגע ברוּאים האָבּן זיך באַוויזן, און ווי אַזוֹי עֶר האָט מיט זיי געטאַנצט און געגעסן און געטרוּנקען און צוּם געזעגענען האָבּן זיי בּיי אים דעם בּייל פוּן פּנים אַראָפּגענוּמען.

איז דער אַלטיטשקער נשתּוֹמם געוואָרן און האָט בּיי זיך געטראַכט:

—איצט ווייס איך שוין וואָס איך האָב צוּ טאָן.

VIII.

ווען די זוּן האָט זיך אָנגעהויבּן אַראָפּלאָזן, איז דער אַלטיטשקער אַוועק צוּם פעלד, וואו קיקי איז נעכטן געווען, האָט געטראָפן דעם זעלבּיגן אויסגעהוילטן בּוים און איז אַריין אין לאָך וואַרטן.

זיצט עֶר מיט אויסגעשפּיצטע אויגן און זעט ווי די זוּן זעצט זיך, ווי ס'פאַרציהען זיך

בײַם ראַנד הימל רויטע פּאַסן, פֿאַרנעמען זיך אַלץ ברײַטער און ברײַטער ביז זײ גיסן זיך צו־נויף מיט דער בלויקײַט פֿון אויבן און ס'ווערט אין דער לופֿטן אַלץ טונקעלער און טונקעלער.

געקומען די נאַכט. דער אַלטיטשקער זעט שוין פֿאַר זיך גאָרניט. בלויז אַ טיפֿע שוואַרצ־קײַט.

פּלוצלינג איז העל געוואָרן. סורותפּולע באַשעפֿעניש האָבן זיך אָנגעהויבן קלײַבן פֿון דער געדיכטער פֿינסטערניש, זײער מחנה ווערט גרעסער. אַ טומל, אַ זשוזשערײַ.

און אַזוי ווי פֿאַרבאָרגענע קאָסטרעס וואָלטן ערגעץ געקנאַקט און געשפּריצט פֿונקען, אַזוי איז אַ ליכטיגע שײַן פֿאַרן הוילן בוים פֿאַרשפּרײט געוואָרן. משונהדיגע ברואים דרײען זיך, הויבן זיך, שפּרינגען, הוליען—עס גײט אַ לעבעדיגס.

דער אַלטיטשקער קוקט און גלויבט ניט זײַנע אויגן.

דער טאנץ מיט די שדים אין וואלד.

—אָט דאָס איז עס, וואָס קיקי האָט דער־צײלט! באַלד בין איך אויך אין דער מחנה! נאָר מוטיג, ניט געשראָקן!

IX.

איז דער אַלטיטשקער אַרויס פון בוים און צוגערוקט זיך צו דער מחנה ברואים.

קײנער האָט אים ניט באַמערקט.

אַ װײַלע איז ער געשטאַנען און האָט זיך צוגעקוקט צום משונהדיגן טאַנץ. און פּלוצלינג איז ער אַרײַן אינמיטן און האָט אָנגעהויבן טאַנצן.

אָבער ניט קײן טאַנץ איז עס געווען, נאָר אַ אומגעלומפּערטע דרײַעניש. דעם אַלטיטשקנס פּיס האָבן זיך געהויבן ווי אַ פּאָר קלעצער, זײַן גוף האָט זיך געקײַקלט ווי אַ פּוסטע פּאַס, די הענט האָבן זיך געבאָמבלט ווי אָפּגעפּרוידענע; אַלע װײַלע געשטרויכלט און קוים געהאַלטן זיך אויף די פּיס.

די טאַנצנדיגע ברואים האָבן זיך אַרומ־
געקוקט.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ ווילדע בריאה,
וואָס דרייט זיך דאָ צווישן אונז?—האָט עמיץ
געפרעגט.

—דאָס איז דאָך דער נעכטיגער טענצער,
וואָס האָט אונז אַזוי משמח געווען.

—אָבער ווי אומגעלומפּערט דרייט ער זיך
היינט. ס'איז דאָך מיאוס צו קוקן!

—ער האָט שוין מסתּם פאַרגעסן זיינע
שיינע טענץ פון נעכטן!

—ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געקענט
טאַנצן!

—וואַרפט אים אַרויס! זאָל ער גיין פון
דאַנען! מיר דאַרפן אים ניט האָבן!

—וואַרט, וואַרט! לאָמיר אים פריהער אָפּ־
געבן זיין משכון!—האָט איינער אַ געשריי געטאָן.

און תוך כדי דיבור אַ וואָרף געטאָן אים אין פנים קיקים בײַל.

דער בײַל איז אַרײַן דעם אַלטיטשקן אין דער לינקער באַק.

פֿון גרויס שרעק איז ער אומגעפֿאַלן אין חלשות.

X.

ווען דער אַלטיטשקער האָט זיך אויפגע־כאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג.

אַרום און אַרום איז קיינער ניט געווען.

ער האָט דערפֿילט עפּעס אַ ווייטאָג אין דער לינקער באַק. אַ טאַפּ מיטן האַנט — עס שטעקט אַ גרויסער בײַל.

און מיט חרפּה און פֿאַרדרוס איז ער אוועק אַהיים.

ער האָט דערציילט זײַן ווײַב, וואָס מיט אים איז געשען — און ביידע האָבן זיך פֿאַנאַנ־

דערגעוויינט.

שפּעטער האָט ער אָנגעזאָגט זיינע קינדער,
זיי זאָלן קיינמאָל ניט מקנא זיין.

III.

דער אָראנג־אוטאנג.

דער אָראַנג אוטאַנג.

I.

א יעגער האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט כאַפּן אַ אָראַנג־אוטאַנג.

די אָראַנג־אוטאַנגען זיינען אָבער זייער קלוגע און פאָרזיכטיגע חיות. וויפל מיטלען דער יעגער האָט ניט אָנגעווענדט, האָט קיינער ניט געהאָלפן.

ווי נאָר דער מענטש פלעגט זיך באַווייזן צווישן די בוימער, וואו עס קלעטערן אַרום די אָראַנג-אוטאַנגען, פלעגן זיי בלייבן זיצן, אָנקוקן אים מיט שעלמישע אויגן, ווי זיי וואָלטן געטראַכט:

—אַהאַ! דו ביסט שוין געקומען נאָך אונז! ניין, דאָס וועט זיך דיר ניט איינגעבן! מיר זיינען ניט נאַרישער פון דיר!

פלעגט דער יעגער זיך אַרומדרייען אין וואַלד עטלאַכע שעה און לסוף געמוזט מיטנע־מען זיינע זעק און שטריק און אַוועקגיין אהיים מיט חרפּה.

קיין אָראַנג־אוטאַנג ניט געכאַפּט.

II

איינמאָל איז דער יעגער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: גענומען אַ לאָגל; אָנגעגאָסן מיט סאַקי, געגאַנגען צום ברעג פון ים, אַוועקגעשטעלט דעם לאָגל סאַקי און אליין אָפּגערוקט זיך ווייט אָן אַ זייט.

אַוועק אַ שעה צייט. איז דער אָראַנג אוטאַנג פאַרביי־געשפּרונגען און דערשפּירט דעם ריח פון סאקי. די אָראַנג־אוטאַנגען האָבן זייער ליב סאַקי. האָט דער אָראַנג־אוטאַנג זיך דערנענטערט צום לאָגל, אַ שמעק געטאָן דערינען און געזאָגט:

—אָ, יע! טאַקי די אמתע סאַקי! די אמת געשמאַקע משקה!

ער האָט שוין אויפגעהויבן די מאָרדעלע און געוואָלט צורוקן צום לאָגל.

—ניין!—האָט ער זיך אָפּגעהאלטן—דער לאָגל איז פון הימל ניט אַראָפּגעפאַלן, דאָס האָט אים א מענטש אונטערגעשטעלט, דאָס איז בכיון פון מיינעטוועגן, דאָס וויל מען מיך אריינגנאַרן. מ'דאַרף זיין פאָרזיכטיג.

III.

דער אָראַנג־אוטאַנג האָט זיך אַוועקגעזעצט אָן א זייט און געקוקט אין הימל אַריין.

אָבער דער ריח פון סאַקי האָט אים געשלאָגן אין נאָז און ער האָט ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיג.

האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן.

—איטלאַכס סכנה ווערט קלענער, ווען מ'ווייס פון איר פריהער. אָט ווען איך, למשל, וואָלט ניט געוואוסט, אַז פון סאַקי קען מען שכור ווערן,

וואָלט איך מיר צוגעגאַנגען צום לאָגל, וואָלט זיך אָנגעזויפט און אַנטשלאָפן געוואָרן. און ער, דער כיטרער מענטש, שטייט געווים ערגעץ באַהאַלטן אין א ווינקל. וואָלט ער באַלד אַרויסגעקראָכן, געכאַפּט א שטריקל, אַרומגעבונדן מיך — און שוין פאַרטיג. צי האָב איך ניט געזען, ווי מ'האָט אזוי אַרום געפאַקט מײַנע חברים?

— צו מײַן גליק ווייס איך אָבער, אז דאָס איז א שאַרפע משקה. קײַן סך טרינקען טאָר מען ניט דערפון.

— נישקשה, מענטשל! מעגסט זיך שטיין דאָרטן אין ווינקל. וועסט זיך ניט דערוואַרטן! איך בין קליגער פון דיר!

IV.

דער אָראַנג-אוטאַנג האָט ווײַטער געטראַכט:

— מ'דאַרף אים, דעם כיטרן מענטשל, באַווײַזן א קונץ.

—אָט וועל איך טאַקי! אַ זופּ טאָן פוּנם געשמאַקן משקה און ער וועט מיר גאָרניט קע־נען טאָן.

אויפגעהויבן זיך פון אָרט, צוגעגאַנגען צום לאָגל און אַרײַנגערוקט דעם שפּיץ מאָרדעלע.

אַ לעק מיטן צונג — אַ מחיה! עס צוגייט איבערן גאַנצן גוף.

דער אָראַנג־אוטאַנג האָט שוין געוואָלט אַ שטאַרקן זופּ טאָן. אָבער ער האָט זיך אָפּגע־האַלטן. מ׳דאַרף ניט נאָכגעבן דעם חשק.

אַוועקגעזעצט זיך און געוואַרט.

—אָבער וואו איז ער, דער מענטש? שוין זשע האָט ער זיך דאָ ערגעץ־וואו באַהאַלטן?

—נאָר וואָס דאַרף איך קלערן וועגן אים? אַביסעלע קרעפּטיגן זיך מעג איך געוויס. דאָס וועט מיר גאָרניט שאָדן.

צוגעגאַנגען נאָכאַמאָל צום לאָגל און געטאָן

אַ שטאַרקן זופּ.

ער האָט זיך באַלעקט און געפּילט אַלע טעמען. אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן מישן.

V.

דער אָראַנג־אוטאַנג איז פּלוצים געפאַלן אויף אַ המצאה. מ'דאַרף דעם יעגער אָפּנאַרן, מאַכן אים צום נאַר.

ער איז צוגעגאַנגען צום לאָגל, געטאָן אַ שטאַרקן זופּ סאַקי, אָפּגערוקט זיך אָן אַ זייט און אויסגעצויגן זיך אויפן זאַמד.

—אָט אַזוי וועל איך זיך ליגן אויסגעצויגן, פּונקט ווי אַ שכּור. ווען דער יעגער קומען, וועט וועלן מיך כאַפּן. אָט דאָ וועל איך זיך טאָן אַ כאַפּ, אַ שפּרונג און ניטאָ קיין שפּור. אַי וועט ער עם בלייבן מיט אַ נאָז!

ליגט ער, דער קלוגער, פאַרזיכטיגער אָראַנג־אוטאַנג, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, און פרייעט זיך אויפן זון.

אַוועק אַ צוויי דריי מינוט—קיינער ניטאָ. אַפנים דער יעגער קען שוין די שטיק פון אָראַנג=אוטאַנג, איילט ער זיך ניט.

אָבער דער אָראַנג=אוטאַנג פאַרלירט די געדולד. דער ריח פון סאַקי לאָזט אים ניט רוהען.

—פאַרוואָס קומט ער ניט? ווי לאַנג וועל איך דאָ וואַרטן? עס ווערט דאָך מיאוס גלאַט ליגן און וואַרימען זיך אויף דער זון!

דער אָראַנג=אוטאַנג טוט זיך אַ שטעל אויף אַלע פיר הענט, קוקט זיך אַרום און שפירט אויף אַלע זייטן — ניטאָ קיין לעבעדיגער נפש.

—ע! ניטאָ וואָס מורא צו האָבן! מ'מעג נאָך אַ זופּ טאָן.

VI.

אַזוי האָט דער אָראַנג=אוטאַנג זיך אָפּגעשפּילט מיטן אומגעזעהענעם שונא אַ פּאָר שעה,

ביז וואַנען בײַ אים איז געבליבן, אַז דער גאַנצער באַהאַלטענער שונא איז בלויז זײַן אײגענע פֿאַנטאַזיע.

און, שפּילנדיג זיך האָט ער דערווײַל בים־לאַכווײַז, טראָפּנסווײַז אויסגעזופּט די גאַנצע סאַקי־דער וויַיכער לאָגל איז אומגעפֿאַלן אַ לײדיגער.

דער אָראַנג־אוטאַנג האָט זיך שוין גע־קײַקלט אויף זײַנע פֿיר הענט, פּונקט ווי אַ קונצנמאַכער, וואָס ברעכט זיך און דרײט זיך אויפֿן גאַס פֿאַר עפּעס עסן. נאָר ער האָט עס ניט גע־פֿילט, ער איז שוין געווען שכּור—האָט זיך אים געדוכט, אַז ער גײט גלײַך, נאָר עפּעס די פּאַ־ליעס פֿון ים טאַנצן פֿאַר אים אַ משונהדיגן טאַנץ און די צווײַגן פֿון די בוימער דרײען זיך ווי ווילדע באַשעפֿענישן.

—מ'דאַרף זיך אַ ביסעלע צולײגן—האָט זײַן שוואַכע קאָפּ געטראַכט—ניט שלאָפֿן, חלילה, נאָר אַזוי זיך ליגן און קוקן אין דער וועלט

אַרײַן.

פון לאָגל האָט ער זיך געמאַכט אַ גוטע װײַכע קישעלע און האָט זיך צוגעשפּאַרט.

זײַנע געדאַנקען זײַנען באַלד פאַרטומלט געװאָרן—ער איז אײַנגעשלאָפן.

VII.

אַז דער אָראַנג-אוטאַנג האָט שױן שטאַרק געכראָפּעט, איז געקומען דער יעגער.

אונטערן אָרים האָט ער געטראָגן אַ זעקל מיט אַ בינטל שטריק.

אויף די שפּיץ פינגער האָט ער זיך צוגע-רוקט צום שלאָפּעדיגן שכור, פלינק פאַרװאָרפן אויף זײַנע פיר הענט די פּעטליעס און צוגעצױגן שטאַרקער.

דער שכור האָט דערפילט אַ װײטאָג, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן. אָבער שױן צו שפּעט. אַנטלױפן האָט ער ניט געקענט.

דער יעגער האָט אים באַלד אַרײַנגעוואָרפֿן אין זעקל, און פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן פּלײצע.

דעם אָראַנג־אוטאַנג האָט לכתּחילה שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס ער ליגט דאָ אין דער פֿינסטער־ניש, אַ געפּענטעטער. נאָר אַזוי ווי ער איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן אויסגעניכטערט און אין זעקל איז געווען ווײך צו ליגן—איז ער ווידער אײַנגעשלאָפֿן.

אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך שוין אין אַ גרויסן שטײַג בײַם יעגער אין שטוב.

ער האָט געשאָלטן—ניט זיך אַליין פֿאַר דער שכּרות, נאָר דעם מענטשן פֿאַר זײַן פֿאַלש־קײַט.

דער אראנג-אוטאנג מיט דער סאקי.

IV.

קאוואמורא צויקען.

קאַוואַמוראַ צויקען.

I.

הערט אוים אַ מעשה, ווי אַזוי קאַוואַמוראַ צויקען, אַן אָרימער יאַפּאַנער, האָט מיט זיין שכל געראַטעוועט אַ שטעטל און פֿאַרדינט געלט און ווי אַזוי ער איז שפּעטער אַ גביר געוואָרן.

אַמאָליגע יאָרן איז אין אַ קליין יאַפּאַניש שטעטל געשטאַנען אַ גרויסער בודיסטישער טעמפּל. פלעגן די יאַפּאַנער קומען אין טעמפּל מתפלל זיין.

איינמאָל האָט אַ גרויסער שטורעם זיך געטראָגן איבערן שטעטל און אַראָפּגעוואָרפֿן אַ דאַכאָווקע פון דאַך פֿון טעמפּל.

האָבן די מענטשן פון שטעטל זיך דער-

שראָקן: טאָמער וועט אַ רעגן אַריינטריפן אין טעמפל אַריין, וועט דער הייליגער בודאַ אויף זיי בייז זיין.

האָט מען באַלד געשיקט רופן אַ דאַכ-דעקער.

—מ׳מוז באַלד אַרויפלייגן אַ נייע דאַכאָווקע אויפן דאַך פון טעמפל. אַ ניט וועט בודאַ אויף אונז בייז ווערן.

דער אַרבעטער האָט אַרויפגעקוקט צום דאַך פון טעמפל און געזאָגט:

—דער טעמפל איז זייער הויך. מיט אַ גע-וויינלאַכן לייטער קען מען אויף אים ניט אַרויפ-קריכן. מ׳מוז צומאַכן אַ רושטאָוואַניע. די אַרבעט דאַרף פאַרנעמען צען טעג און וועט קאָסטן 100 ריאָ.

די יאַפּאַנער האָבן זיך דערשראָקן. וואו אַזוי פיל געלט נעמען?

האָט מען אַ צווייטן מייסטער גערופן, האָט

עֶר אויך דאָס זעלבּיגע געזאָגט, אויך א דריטער און א פערטער דאַכדעקער האָבּן קיין אַנדער עצה ניט געפֿונען.

האָבּן די כּוהנים פֿון טעמפּל אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און אין שטעטל האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ אומעט.

II.

אין אַ קליין שטיבּעלע, בּיים ראַנד פֿון שטעטל, האָט געלעבּט דער אָרימער קאַוואַמוראַ צויקען.

קאַוואַמוראַ האָט קיין מלאכה ניט געלערנט. האָט ער געלעבּט אין דחקות פֿון אַ עסק, וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראַכט:

די יאַפּאָנער טינקעווען די הייזלאַך און בּאַנוצן דערצו אַלטע שטרוי. אַלטע צוריבּענע שטרוי ווערט צונויפֿגעמישט אין די ליים און מאַכט עס שטאַרקער און פֿעסטער.

פלעגט קאַוואַמוראַ גיין הינטער די הייזלאַך

פון שטעטל, דאָרט וואו מ'וואַרפט אַרוים שמוץ און קויט, און פלעגט קלײַבן אויפן מיסט אַלטע, אויסגעטראָגענע שטרויענע סאַנדאַלן. נאָכדעם פלעגט ער צושנײַדן די סאַנדאַלן אויף קלײנע שטיקלאַך און פלעגט גײן איבערן שטאָט און שרײַען:

— גוטע שטרוי צום טינק! גוטע שטרוי צום טינק!

האָבן די יאַפּאַנער געקויפט און געהאַט צו טינקעווען די הײַזער און, קאַוואַמוראַ האָט געהאַט דערפון צום לעבן און פאַרטרײַבן זײַן הונגער.

אַזוי האָט קאַוואַמוראַ צוזיקען געלעבט א יאָר נאָך א יאָר פון דער פרנסה, וואָס ער האָט אַלײן אויסגעטראַכט, און קײנער האָט זיך אַרום אים ניט אַרומגעקוקט.

III.

אין יענעם טאָג איז קאַוואַמוראַ געגאַנגען

איבערן שטאָט און, ווי שטענדיג געשריען:

— אַלטע שטרזי צום טינקעווען! אַלטע שטרזי צום טינקעווען!

ווען ער איז דערגאַנגען נאָנט צום טעמפּל פֿון בודאַ, האָט ער דערזען, ווי די כּוהנים פון טעמפּל און אַ סך פון פאָלק שטייען פֿאַראומערט.

פרעגט זיי קאַוואַמוראַ:

— וואָס זיינט איר אזוי פארטרויערט. ליבע לייט?

דערציילן זיי אים די גאַנצע מעשה, ווי ס׳איז אַ דאַכאָווקע פון דאך אַראָפּגעפאלן, ווי זיי האָבן מורא פֿאַר בודאַס צאָרן, ווי זיי האָבן שוין מייסטערס גערופֿן און ווי אַלע מייסטערס זאָגן, אַז די אַרבעט דאַרף פארנעמען זייער אַ סך צייט און קאָסטן זייער אַ סך געלט.

און די מענטשן האָבן געזאָגט מיט טרערן אויף די אויגן:

— וואָס זאָלן מיר טאָן? קיין 100 רוּבּ פאַרמאָגט ניט די גאַנצע שטעטל, און איבּער־לאָזן בּודאַס טעמפּל אָן אַ דאַכאָווקע—איז א גרויסע זינד און אַ גרויסע סכנה.

האָט קאַוואַמורא פאַררוּסן די קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויפן דאַך און—האָט זיך פאַנאַנ־דערגעלאַכט.

IV.

— וואָס לאַכסטו, אָרימער קאַוואַמוראַ?—האָבּן אים די יאַפּאַנער געפרעגט—צי איז דיר דער טעמפּל ניט הייליג, גלייך ווי אונז? צי האָסטו ניט מורא פאַרן כעס פון הייליגן בּודאַ, גלייך ווי מיר.

— דער טעמפּל איז מיר זייער הייליג—האָט קאַוואַמוראַ צוּיקען געענטפערט—נאָר פאַרן צאָרן פון הייליגן בּודאַ האָבּ איך קיין מורא ניט, ווייל... איך וועל דעם טעמפּל פאַרריכטן. דאָס וועט אייך קאָסטן בּלויז 5 רוּבּ.

דער פאפירענער שלאנג און דער טעמפעל.

אַ גרויסע שמחה און פֿאַרוואונדערונג האָט אַרומגעכאַפּט די כּוהנים און די אַנדערע יאַפּאָנער.

— ווי אַזוי וועסטו דאָס מאַכן, ליבער קאַוואַמוראַ?—ווי וועסטו צו דער הויכקייט פֿונם הייליגן דאַך אַרויפקלעטערן? ציִ האָסטו עפּעס אַ געהיימן שפּרוך אויסגעלערנט און קענסט מיט אים וואונדער באַווייזן?

—אָ, דער שלעפּער קאַוואַמוראַ לאַכט פֿון אונז, לאַכט פֿון אונזער טעמפּל!—האָט זיך איינער אָפּגערופֿן—זאָל דער צאָרן פֿון הייליגן בודאַ אויף זינדיגן קאָפּ פֿאַלן!—

— שילט ניט אומזיסט!—האָט קאַוואַמוראַ צוזיקען געזאָגט—איך וועל דעם דאַך פֿאַרריכטן. עס וועט אייך בלויז 5 ריאָ קאָסטן.

V.

און קאַוואַמוראַ האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

ער האָט תחילת אַ קוק געטאָן, פֿון װאַנען דער װינט בלאָזט. דער װינט האָט געבלאָזן פֿון צפֿון אויף דרום.

קאַװאַמוראַ האָט געבעטן, האָט מען אים געבראַכט עטלאַכע בויגנס פּאַפּיר, אַ גרויסן קנויל דינע, נאָר זײַער שטאַרקע שפּאַגאַט און אַ סך גראָבע שטריק.

אַװעקגעלײגט דעם קנויל לעם זיך, האָט קאַװאַמוראַ זיך אַװעקגעזעצט אויף אַ שטײן בײַם טעמפּל און אָנגעהויבן קנײטשן די פּאַפּיר.

די אַרומיגע האָבן געקוקט און געשטוינט. װאָס װיל ער דאָ טאָן? צי מײנט ער ניט מאַכן אַ לײַטער פֿון פּאַפּיר און שפּאַגאַט און אַרויפֿ־קריכן אויפֿן דאַך פֿון טעמפּל? אַנדערע האָבן שוין אָנגעהויבן שמײכלען, אָבער קײנער האָט קײן װאָרט ניט גערעדט. אַלע האָבן נײַגעריק גע־קוקט, װאָס װעט דאָ װײַטער זײַן.

און קאַװאַמוראַ האָט באמת געמאַכט אַ

שפּיל־צאַצקעָ: אַ פּאַפּירענעם שלאַנג. פּונקט ווי די פּאַפּירענע שלאַנגען, וואָס די קינדער לאָזן אַרויף אין דער לופטן. נאָר אַ סך גרעסער ווי די קינדערשע פּאַפּירענע שלאַנגען.

אַ היבשע צייט האָט קאַוואַמוראַ זיך גע־פּאָרעט אַרום דעם שלאַנג, צוגעבונדן צו אים דעם עק פון שפּאַגאַט און אויפגעשטעלט זיך פון אָרט.

— איצט צו דער אַרבעט!—האָט ער אויס־געשריען.

די יאַפּאַנער האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס, אָבער געשוויגן און געוואַרט.

VI.

קאַוואַמוראַ איז אַוועק צו צפון פונם טעמפּל און דער גאַנצער עולם נאָך אים.

באַלד האָט ער אַרויפגעלאָזן דעם שלאַנג אין דער לופטן, אַרויסגעלאָזן דעם שפּאַגאַט אַלץ

מער און מער. דער שלאַנג האָט געשוועבט אין דער לופטן, געריסן זיך אין דער הויך און האָט שוין אויסגעזען, ווי אַ קליינינקע פינטעלע.

קאַוואַמוראַ איז אַרומגעלאָפן מיטן שפּאַגאַט אין האַנט און געקירעוועט דעם שלאַנג איבערן דאַך פון טעמפּל, פאַרריסן די קאָפּ און געקוקט מיט גרויס אָנשטרענגונג, וואוהין דער שלאַנג פליט.

פּלוצים האָט דער שלאַנג אָנגעהויבן אַראָפּ־לאָזן זיך, ווי אַ פויגעלע איז ער האַסטיג געפלויגן אַראָפּ צו דער ערד. אָבער געפלוינן איז ער צו דרום זייט, וואוהין דער ווינט האָט געבלאָזן, און שפּעטער איז ער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד ניט דאָ, וואו קאַוואַמוראַ מיטן עולם זיינען גע־שטאַנען, נאָר אין דער אַנדערער זייט.

קאַוואַמוראַ האָט באַפוילן, מ'זאָל צוהאַלטן פעסט, נאָר ניט ציהען, דעם אַראָפּגעלאָזענעם שלאַנג, און אַליין האָט ער גענומען די גראָבע שטריק און צוגעבונדן צום דינעם שפּאַגאַט.

אוועק צו דרום זײַט, האָט ער אָנגעהויבן ציהען דעם פּאַפּירענעם שלאַנג אין אַזוי אַרום אריבערגעצויגן איבערן דאַך פון טעמפּל דעם גראָבן שטריק.

נאָכדעם האָט ער דעם גראָבן שטריק צו־געבונדן צו שטאַרקע פּלעקענער, פעסט אריינגע־גראָבענע אין דער ערד. ער האָט גערופן א אַר־בעטער און געהייסן אַרויפקלעטערן דורכן שטריק אויפן דאַך פון טעמפּל.

אין צען מינוט אַרום איז שוין דער אַר־בעטער געווען אויפן דאַך און האָט פאַרריכט די לאָך.

קאַוואַמוראַ האָט באַקומען 5 ריאָ און האָט עם צוטיילט צווישן זיך מיטן אַרבעטער.

אין שטעטל איז געווען א גרויסע פרייד.

VII.

און אַלע מענטשן פון שטעטל האָבן באַ־וואונדערט קאַוואַמוראַס חכמה און האָבן אים

אָנגעהויבן אָפּגעבן גרויס כבוד.

זײַן נאָמען איז געוואָרן באַרימט אין אַלע אַרומיקע שטעטלאַך, און אַלע פֿלעגן קומען צו אים פֿרעגן עצות און דערבײַ האָט מען אים געבראַכט גרויסע מתנות.

אַזוי איז קאַוואַמוראַ דורך זײַן גרויסן שכל געוואָרן באַרימט אין יאַפּאָניע און איז אויך אַ גרויסער גביר געוואָרן.

V.

צוויי שאַבעס.

דאָס בעגעגעניש פון די צוויי זשאבעס

צוויי זשאַבעס.

I.

אין זומפּ בײַ קאַטשע האָט געלעבט אַ זשאַבע. די זשאַבע האָט געהאַט אַ גרויסן שם אין גאַנצן געגנט אַרום. זי איז געווען קליגער און געלערנטער און געניטער פון אַלע זשאַבעס וואָס אין יענעם זומפּ.

אָפטמאָל פלעגט די זשאַבע אַרויסשפּרינגען פון איר זומפּ, וואו זי האָט געוואוינט מיט אירע חברטעס, פלעגט מאַכן אַ נסיעה ווײַט ווײַט, אפשר הונדערט שפּרונגען פון דאָרט, און קומען צוריק אַ פאַרמאַטערטע, אַ פאַרסאָפּעטע, נאָר מיט גרויס גאוה און צופרידנהייט.

דאַמאָלס פלעגט זי אויסקוואַקען אַ באַזונדער סיגנאַל, וועלכן אַלע זשאַבעס האָבן שוין געקענט. פלעגן אַלע זומפּ=חברטעס זיך צונויפּקלייבן אַרום איר און זי פלעגט זיי דערציילן וואונדער=מעשׂות פון דער ווייטער ווייטער נסיעה, זי פלעגט שילדערן פאַר זיי אַלע שרעקעניש, וואָס האָבן איר באַגעגנט, ווי אַזוי זי איז שיִר אין אַ גרויסן ים פון אַ פוקס=קאָפּיטע ניט דערטרונקען געוואָרן און ווי אַזוי דער וויגט האָט איר אויפן קאָפּ אַ שווידערלאַכן שטעכעדיגן באַרג—אַ סיסקע פון אַ בוים—אַראָפּגעוואָרפן און וואָסערע קאַמפן זי איז אויסגעשטאַנען מיט גליווערימלאַך און זשוקעס און אַלע חיות רעות.

און די זשאַבעס פון זומפּ האָבן געהערט און געקוואַקעט פון גרויס פאַרוואונדערונג.

II.

איינמאָל האָט די זשאַבע געזאָגט צו אירע חברטעס:

— שוועסטערס, איך גיי אין אַ וויטן וועג אַריין. ניט הונדערט און ניט צוויי הונדערט שפּרונגען וועט דער וועג האַלטן, נאָר אַ סך אַ סך טעג וועל איך מוזן וואַנדערן, ביז איך וועל קו־מען צום אָרט, וואוהין איך וויל גיין.

אַלע זשאַבעס האָבן זיך געחידושט און מיט גרוים פרייד געפרעגט:

— און אַז דו וועסט קומען צוריק וועסטו אונז אַלץ דערציילן, וואָס דו האָסט אויפן וועג באַגעגנט?

— אַוראַי, אַוראַי וועל איך אייך אַלץ דער־ציילן.

— צו וואָס גייסטו אין אַזאַ וויטן וועג?— האָט איין זשאַבע אַ פרעג געטאָן.

—דאָרט וויט־וויט, פאַר טויזנטער שפּרונ־גען פון דאַנען, איז פאַראַן אַ שטאָט, אָסאַקע הייסט זי. יענע שטאָט זאָל זיין אַ שיינע און אַ גרויסע זיין און אַרום דער שטאָט זאָלן זיין גרויסע טיפע זומפן מיט אַ סך זשאַבעס פון פאַר־

שײַדענע מינים און קאָלירן. אָט אַהין, אַהין אין יענער שטאָט, װיל איך װאַנדערן, צו יענע זומפּן װיל איך קומען, מיטן לעבן פון די דאָרטיגע זשאַבעס זיך באַקענען, און אַז איך װעל קומען צוריק, װעל איך שױן אַלץ װיסן, װאָס עס טוט זיך אױף דער גרױסער, גרױסער װעלט, פון קיאָ־טאַ ביז אָסאַקע, װעל איך אײַך אַלץ דערצײלן, װעט איר קליגער און געלערנטער און געניטער װערן.

האָבן אַלע זשאַבעס אָנגעהױבן פּליעסקען מיט די פּיסלאַך אין בלאָטע און קװאַקען מיט די שמאָלע פּיסקעלאַך.

— קװאַ, קװאַ! גײ געזונט און זאָלסט קו־מען בשלום.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט די זשאַבע אַרױסגעװאַנדערט.

III.

און אין די זומפּן בײַ אָסאַקע האָט אױך

געלעבט א קלוגע, געלערנטע און געניטע זשאבע. האט זי אויך געהאט א שם אין גאנצן געגנט ארום.

פלעגט זי אויך ליב האבן ארויסצושפּרינגען ווייט־ווייט, אפשר הונדערט שפּרונגען, פון זומפּ ארויס און קומענדיג צוריק דערציילן פאר די חברטעס וואונדער־שיינע מעשה׳לאך פון אירע באגעגענישן אויפן וועג.

און איינמאל האט אויך יענע זשאבע געזאגט צו אירע חברטעס:

— איך גיי אין א ווייטן־ווייטן וועג אריין. א סך טעג וועל איך וואנדערן, ביז איך וועל קומען צום ארט, וואוהין איך וועל גיין.

האבן אויך יענע זשאבעס זיך געחידושט און געפרעגט:

— צו וואס גייסטו אין אזא ווייטן וועג?

האט די געלערנטע זשאבע געענטפערט:

— דארט ווייט־ווייט, פאר טויזנטער שפּרונ־

נען פון דאַנען איז פֿאַראַן א שטאָט, קיאָטע הייסט זי. יענע שטאָט זאָל זייער א גרויסע און שיינע זײַן און אַרום דער שטאָט זאָלן זײַן גרויסע טיפֿע זומפּן מיט אַ סך זשאַבעס פון פאַרשיידענע מינים און קאָלירן. אָט אַהין, אַהין אין יענער שטאָט וועל איך וואַנדערן, צו יענע זומפּן וועל איך קומען, מיטן לעבן פֿון די דאָרטיגע זשאַבעס זיך באַקענען, און אז איך וועל קומען צוריק, וועל איך שוין אַלץ וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער, גרויסער וועלט, פון אָסאַקע ביז קיאָטע, וועל איך אײַך דערציילן, וועט איר קלי־גער און געלערנטער און געניטער ווערן.

האָבן אויך יענע זשאַבעס אָנגעהויבן פליעסקען מיט די פיסעלאך אין בלאָטע און קוואַקען מיט די שמאָלע פיסקעלאך:

— קוואַ, קוואַ! גיי געזונט און זאָלסט קו־מען צוריק בשלום.

און צומאָרגנס אינדערפֿרי האָט די זשאַבע פֿון די אָסאַקער זומפּן אַרויסגעוואַנדערט,

IV.

איז די זשאַבע פון קיאָטע אַרויסגעשפרונ־
גען פון איר זומפּ און געלאָזן זיך אין ווייטן וועג
אַריין.

און די זשאַבע פון אָסאַקי איז אויך אַרויס־
געשפרונגען פון איר זומפּ און אויך געלאָזן זיך
אין וועג אַריין.

שווער איז פאַר ביידן געווען די ווייטע
נסיעה. צוגעשפרונגען צו אַ מוראַשניק, איז ער
ווי אַ הויכע וואנט געשטאַנען: אַרויפשפרינגען
איז שווער און אַרומשפרינגען איז ווייט; צוגע־
שפרונגען צו א לוזשקעלע פון אַ ראָד, איז זי
ווי א ברייטער ים געלעגן: אַדורכשפרינגען איז
שווער אַרומשפרינגען איז ווייט. אומעטום, צווישן
אַלע קוסטעלאך און גרעזעלאך געטראָפן בלערליי
ווערים, שלאנגען, עקדישן און אַנדערע חיות
רעות: מלחמה האַלטן מיט זיי—אַ סכנה און אַנט־
לויפן—זייער שווער.

אזוי זײַנען די זשאַבעס געשפּרונגען טעג און נעכט. אײנע האָט פֿון דער אַנדערער ניט געוואוסט, נאָר בײדע האָבן צו אײן ציל גע־שטרעבט: צו דער ווײַטער אומבאַקאַנטער שטאָט.

ביז וואַנען זײ זײַנען צו אַ הויכן, הויכן בארג דערשפּרונגען, צום באַרג ראָמונאַקי, וואָס שטײט ווי א הויכע וואנט צווישן די שטעטלאך קיאָטע און אָסאַקי.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָבן בײדע זשאַבעס בײַם פוס פון באַרג, פון בײדע זײַטן, אָפּגערוט.

V.

אויפן פערטן טאָג האָבן זײ אָנגעהויבן שפּרינגען בארג אַרויף.

אויסגעצויגן שטאַרק די הינטערשטע פיסע־לאך, האָט די זשאַבע פון קיאָטע מיט די לעצטע כוחות זיך געלאָזן אין דער פינסטערער הויכקײַט. אַלע ווײַלע איז איר דער אָטעם קורץ געוואָרן,

אין די אויגן טונקל געוואָרן, אָבער זי האָט אַלץ געשטרעבט ווײַטער, ווײַטער, צו דער אומבאַ־קאַנטער שטאָט. נאָר ניט צוריק.

אין דער זעלביגער צײַט האָט אויך די זשאַבע פֿון אָסאַקע, פֿון דער אַנדערער זײַט, מיט די לעצטע כּוחות געשטרעבט צום שפּיץ באַרג, אַלץ ווײַטער, ווײַטער, צו דער אומבאַקאַנטער שטאָט. נאָר ניט צוריק.

זיבן טעג האָט די נסיעה אויפֿן באַרג גע־דויערט. ערשט אויפֿן אַכטן טאָג אינדערפֿרי ווען דער טוי איז אויפֿן שפּיץ באַרג געלעגן, זײַנען ביידע זשאַבעס צום שפּיץ אַריבערגעשפּרונ־גען. איינע האָט די אַנדערע דערזען.

— ווער ביסטו, פֿרעמדע?

— איך בין די זשאַבע פֿון אָסאַקע. און דו

— איך בין די זשאַבע פֿון קיאָטע.

— וואָס טוסטו דאָ?

— טעג און נעכט אָן אַ שעור שפּרינג

איך שוין פֿון דער היים, צו זען די ווייטע שיינע שטאָט קיאָטע. און דו?

— טעג און נעכט אָן א שעור שפּרינג איך שוין פֿון דער היים, צו זען די ווייטע שיינע שטאָט אָסאקע.

VI.

פלוצים האָט די זשאבע פֿון אָסאקע דער־זען די שפּיצן פֿון די דעכער פֿון דער שטעטל קיאָטע.

אין דער זעלבינער צייט האָט אויך די זשאבע פֿון קיאָטע דערזען די שפּיצן פֿון די דעכער פֿון דער שטעטל אָסאַקע.

— וואָס איז עס אַזוינס?—האָט די זשאַבע פֿון אָסאַקע געפֿרעגט דער חברטע.

— דאָס איז די שטעטל קיאָטע, וואָס דו שפּרינגסט אַהין. און וואָס איז דאָרטן?

— דאָרטן איז די שטעטל אָסאַקע, וואָס

דו שפּרינגסט אַהין.

— וואָס זע אין?—האָט די זשאַבע פון אָסאַקע אויסגעשריען—א שטעטל מיט שטיבעלאך, און מענטשן דרייען זיך אַרום, און דערנעבן א זומפּ מיט זשאַבעס - פּונקט ווי בײַ אונז!

— וואָס זע איך?—האָט אין דער זעלביגער צײַט די זשאַבע פון קיאָטע אויסגעשריען—אַ שטעטל מיט שטיבעלאך, און מענטשן דרייען זיך אַרום, און דערנעבן א זומפּ מיט זשאַבעס—פּונקט ווי בײַ אונז!

— צו וואָס זשע נאָך גיין אין ווײַטן וועג אַרײַן?—האָבן בײדע זשאַבעס מיטאַמאָל אויסגערופן—

— צוריק אהײם!—זאָגט די זשאַבע פון אָסאַקע.

— צוריק אַ הײם!—שאָקלט צו מיטן קעפּל די זשאַבע פון קיאָטע.

האָבן בײדע זשאַבעס אָפּגערוט אויפן שפּיץ

בּאַרג דרײַ טעֶג מיִט דרײַ נעֶכט. אויף אײַן גרעֶזעֶלעֶ אַרומגעֶשפּרונגעֶן, איִן אײַן לוזשקעֶלעֶ זיִך געֶפּליושקעֶט, צוזאַמעֶן ווערימלאַך און פליִנגעֶלאַך געֶזוכט—און מעשהלאַך זיִך דערצײלט פון די הײמישעֶ זומפּן, פון די הײמישעֶ שטעֶטלאַך.

אויפן פעֶרטן טאָג האבן זײ זיִך האַרציִג צוזעֶגנט, צוקושט און אָפּגעֶשפּרונגעֶן, איִטלאַבעֶ איִן איִר הײם אַרײַן.

פון דאַמאָלס אָן האָבן שוין די זשאַבעֶס קײנמאָל ניט פאַרלאָזן די הײמישעֶ זומפּן.

VI.

דער פארכשופטער שפיגל.

דער פאַרכּשופטער שפּיגל.

I.

גאָר לאַנג=לאַנג, אין פאַרצייַטיגע יאָרן, האָט אין אַ יאַפּאָנישן דאָרף עטשיגאָ געוואוינט אַ יונגע פּאָר=פאָלק. דער מאַן האָט געהייסן מאַטסו=סאַן און די ווייַב — דזאָ=סאַן. די יונגע לייַט האָבן זיך זייער ליב געהאַט און געפירט אַ רוהיגן שטילן לעבן.

איינמאָל האָט דער מאַן מאַטסו=סאַן געדאַרפט פאָרן אין דער שטאָט מאַטסו=יאַמאַ צוליב געשעפט. פאַרן פאָרן האָט זייַן געליבטע ווייַב, די שיינע דזאָ=סאַן, אים געבעטן, ער זאָל איר ברייַנגען עפּעס אַ מתנה פון וועג.

מאַסטו=סאַן האָט איר צוגעזאָגט.

זיי האָבן זיך האַרציג צוזעגנט, און ער איז אװעקגעפאָרן.

אין מאַסטו־יאַמאַ האָט מאַסטו־סאַן זייער גוט פאַרדינט. אין אַ קורצע צייט אַרום איז ער געקומען צוריק אַהיים. און מיטגעבראַכט אַ סך געלד און שיינע גוטע זאַכן.

— און דאָס איז פאַר דיר! — האָט דער מאַן געזאָגט און דערלאַנגט דער װײַב אַ שפּיגל.

אין יענע יאָרן האָט מען נאָך אין יאַפּאָניע ניט געװאוסט פון קיין שפּיגל. מענטשן, דער־הויפּט יונגע מיידלאַך, פלעגן זיך אַמאָל אָפּשפּיגלען אין קלאָרע, ריינע טייך־װאַסער, אָדער אין אַ גלאַנציגע קופּערנע כלי, אָבער דער פּנים איז קיינמאָל ניט געזען געװאָרן גענוי־ריכטיג, װי ער איז אין דער אמתן.

II.

װען די שיינע דזאָ־סאַן האָט דעם לאַנגלאַך־

דער גייסטליכער און דער שפּיגעל.

קײלאַכדיגן בלישטשעדיגן שפּיגל גענומען, האָט זי אין זײַן געשליפֿענע גלאָז אַ שײנע ליכטיגע צורה דערזען. דאָס איז געװען איר אײגענער פּנים, אָבער זי האָט עס ניט געװאוסט.

— װאָס איז עס אַזױנס? װער שמײכלט עס אַרױס צו מיר אַזױ אײדל און צאַרט?—האָט זי דעם מאַן געפֿרעגט פֿאַרחידושט.

מאַטסו־סאַן האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

— ליבע דזאָ־סאַן, דאָס איז דאָך אַ שפּיגל. אין אים שפּיגלט זיך אָפּ אונזער אײגענער פּנים. דו זעסט זיך אַלײן, דײַן אײגענעם ליבלאַכן האַר־ציגן שמײכעלע.

ס'איז שװער צו באַשרײַבן די שמחה פֿון דזאָ־סאַן. זי האָט געטאַנצט און געשפּרונגען און ניט אַרױסגעלאָזן דעם שפּיגעלע פֿון האַנט: רק געקוקט און געשמײכלט אין אים אַרײַן און געקליבן נחת, װי עס בלישטשען איר צוריק די אױגן און עס שמײכלען איר צוריק די ליפּן און

עס שײַנט איר צוריק דער גאַנצער ליכטיגער פּנים.

דזאָ-סאַן האָט אָבער ניט פֿאַרשטאַנען, אַז אין שפּיגל איז גאָר ניטאָ, אַז איר פּנים באַוויַזט זיך אין אים בלויז דאַמאָלט, ווען זי קוקט אין אים. זי האָט געמיינט, אַז עמיץ האָט איר שײַנעם ליכטיגן פּנים מיטן בלישטש פֿון די אויגן און מיטן שמייכל פֿון די ליפּן אין שפּיגל אויסגעמאָלט.

— אַך, סאַראַ קלוגע מענטשן די וועלט פֿאַרמאָגט! — האָט זי אויסגעשריען, — ווי זיי קענען עס, דאָרטן אין די שטעט, אָפּמאָלן אַ פּנים פֿון אַ מענטשן, וואָס זיי האָבן אים קיינמאָל ניט אָנגעזען!..

III.

פֿון יענער צײַט אָן איז מאַטסו-סאַנס הויז געווען געראָטן אין אַ שטײַגל מיט אַ לוסטיגער שפּרינגענדיגער פֿויגעלע. גאַנצע טעג פֿלעגט די

שײנע דואָ=סאַן האַלטן דעם שפּיגעלע און אײַנ=
קוקן זיך אין איר שײנעם ליכטיקן פּאָרטרעט.
דערבײַ פּלעגט זי אונטערטאַנצן און אונטער=
שפּרינגען, און צו איר שמחה איז גאָר קײן גבול
ניט געווען.

נאָר אַלץ האָט זײַן צײַט. דואָ=סאַן האָט
געבוירן אַ מײדעלע, װעלכע די עלטערן האָבן
אַ נאָמען געגעבן אי=סאַן. צוגעקומען אַ מענטש,
איז צוגעקומען פֿאַר דואָ=סאַן אַ פרישע דאגה
און פרישע אַרבעט אין שטוב. דעם טײַערן אוצר,
דעם שפּיגל האָט זי באַהאַלטן אױפֿן דעק פֿון
אַ קופערט, און איבערגעגעבן זיך מיט לײַב און
זעל, צו דערציִען איר טאָכטער.

די טאָכטער איז געוואָקסן און אויסגע=
וואָקסן אַ שײנע מײדל. עס האָט זיך אויסגעדוכט,
אַז די גאַנצע פרײלאַכקײט און לעבעדיגקײט
איז אַריבער פון דער מאַמען צו דער טאָכטער.
וואָס בלײַבער עס זײַנען געוואָרן די באַקן פֿון

דזאָ־סאַן אַלץ רויטער זיינען געוואָרן אי־סאַנס בעקלאַך. זיי זיינען אָבער אַזוי געראָטן געווען איינע אין די אַנדערע, אַז ווען אי־סאַן איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, האָט דער פאָטער זיי ביידן אַרומגענומען און געזאָגט:

— איך האָב איצט צוויי אי־סאַנס—אַ יונגע און אַן עלטערע.

IV.

אַזוי זיינען אַריבער טעג, חדשים און יאָרן. פאַרביי די צייטן פון פרייד און אָנגעקומען צייטן פון זאָרג.

דזאָ־סאַן איז שטאַרק קראַנק געוואָרן, פון טאָג צו טאָג איז זי שוואַכער געוואָרן, אירע כוחות זיינען אויסגעגאַנגען, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז זי שטאַרבט אַוועק.

— צי וועל איך דיר שוין מער קיינמאָל ניט זען, טייערע מאַמע?—האָט אי־סאַן געוויינט

מיט ביטערע טרערן ביי איר קראַנקער מוטער צוקאָפּנס.

— מיין קינד,—האָט דזאָ־סאַן געענטפערט— וועסט מיך זען, וועסט מיך אייביג זען, ווען דו וועסט נאָר וועלן. איך וועל שטענדיג זיין מיט דיר, נאָר דו וועסט מיך ניט זען אַזעלכע ווי איצט, אַן אַלטיטשקע, אַ קראַנקע; דו וועסט מיך זען אַזעלכע, ווי דו האָסט מיך געזען אַמאָל, ווען דו ביסט נאָך געווען אַ קליינטשקע! דו געדיינקסט, ווען דו ביסט נאָך געווען נאָר אַ קינד, בין איך געווען פריילאך, יונג און שיין, ווי דו איצט. איצט בין איך אַלט און דער גלאַנץ פון מיין פּנים איז אַראָפּ. ווען איך וועל שטאַרבן, עפן אויף דעם קופערט, וועסטו אויפן דעק געפינען אַ שפּיגעלע. אין יענעם שפּיגעלע איז פאַראַן מיין פּאָרטרעט. ער איז געמאַכט געוועזן, ווען איך בין נאָך געוועזן נאָר יונג און שיין. ווען דו וועסט זיך פאַרביינקען נאָך מיר, זאָלסטו גע־

מען דעם שפּיגעלע און אײַנקוקן זיך אין מײַן בילד.

דזאָ־סאַן האָט עס געזאָגט און נאָכדעם איז זי געשטאָרבן.

V.

לאַנג האָט אי־סאַן געװײנט און געטרױערט. זי האָט ניט געקענט טרײסטן זיך נאָך איר געשטאָרבענער מוטער. נאָר נאָכדעם האָט זי זיך דערמאָנט איר מוטערס װערטער װעגן דעם פּאָרטרעט.

זי האָט אױפגעעפנט דעם קופערט און אַרױסגעצױגן דעם טײַערן גלאַנצעדיגן אוצר, װאָס איז געלעגן אײַנגעפּאַקט אין אַ שײנער רע־מעלע.

װען זי האָט דעם פּאָרטרעט דערזען, האָט זי אַזש אױסגעשריען פון גרױס פרײד.

אױף איר האָט געקוקט מיט פרײלאַכע

און גליקלאַכע אויגן איר מוטער; ניט די קראַנקע אַלטע מוטער, נאָר די יונגע, לוסטיגע, וועלכע אי־סאַן האָט געדענקט פון די יונגע קינדערשע יאָרן, שוין לאַנג־לאַנג...

אי־סאַן האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון שפּיגל, זי האָט געקושט דער מוטערס פּנים, איינגעגעסן זיך אין אים מיט די אויגן און גע־טאַנצט און געשפּרונגען פון שמחה.

און פון דאַמאָלסט אָן האָט אי־סאַן אָנגע־הויבן פאַרברענגען גאַנצע טעג מיטן פאַרכישופטן שפּיגל. זי האָט זיך ניט געקענט אָנקוקן אויף איר ליבער טייערער מוטער. זי פלעגט שטענדיג ריידן מיט איר. די מוטער פלעגט איר גאָרניט ענטפערן, אָבער זי, אי־סאַן, פלעגט באַמערקן נאָכן שמייכל און גלאַנץ פון אירע אויגן, אז די מוטער פאַרשטייט איר.

ווען אי־סאַן פלעגט זיין פריילאַך, פלעגט אויך די מוטער אַרויסקוקן פון שפּיגל א פריי־

לאַכע, און ווען אי־סאַן איז אומעטיג געוואָרן, פלעגט אָנפאַלן אַ אומעט אויך אויף איר מוטערס פנים. און דאַמאָלס פלעגט אי־סאַן פּרובן מאַכן באַלד אַ פרײלאַכע מינע, כדי אַרויסצוציִען אַ לוסטיגן געלעכטער אויך פון דער מוטערס פנים. און דאָס פלעגט באַלד געשען.

אזוי זײַנען אַדורכגעגאַנגען יאָרן.

VI.

אײנמאָל האָט זיך אין דאָרף אָפּגעשטעלט אַ נײַסטלאַכער: דער חכם פון דער גרויסער נעטין קאַ־נו.

דער נײַסטלאַכער האָט דערזען, ווי אי־סאַן קוקט אין שפּיגל און לאַכט צו אים און רעדט מיט אים.

— וואָס טוסטו?—פרעגט ער איר.

— איך רייד מיט מײַן טײַערער מוטער!—ענטפערט אי־סאַן,—איך קוק אויף איר

פּנים און פרײ זיך זעהענדיג, װי זי איז גליקלאַך און פרײלאַך.

— און װאו איז דײַן מוטער?—האָט דער נײַסטלאַכער װידער געפרעגט.

— מײַן מוטער איז געשטאָרבן!—האָט אי־סאַן געזאָגט—נאָר זי האָט מיר אין רעמל איר פּנים געלאָזן, כּדי איך זאָל איר קײנמאָל ניט פאַרגעסן.

— דו קינד, נאַריש קינד! צי איז דאָס דײַן מאַמעס פּנים? דאָס איז דאָך אַ שפּיגל. אין אים שפּיגלט זיך אָפּ פּונקט װי אין קלאָרע טײַך־װאַסער, דײַן אײגענער פּנים!

אי־סאַן האָט אָנגעשטעלט אויערן און אויגן זי האָט ניט געװאָלט גלויבן.

דער הײליגער האָט װײטער גערעדט.

— גיב מיר נאָר אהער, ליב קינד, דעם שפּיגל.

אי־סאַן האָט דערלאַנגט דעם הײַליגן דעם שפּיגל. אירע הענט האָבן דערבײַ געציטערט.

דער גײַסטלאַכער האָט אַנגעשטעלט דעם שפּיגל אַנטקעגן זײַן אײגענעם פּנים

— שטעל זיך הינטער מיר און קוק זיך אײַן.

אי־סאַן האָט זיך געשטעלט.

— וואָס זעסטו דאָרט?

— איך זע דיך, הײַליגער, און הינטער דיר מײַן מוטערס... מײַן אײגענעם פּנים!

אי־סאַן האָט עס אַרויסגערעדט און געפאַלן אין חלשות.

VII.

ווען מ'האָט אויפגעמינטערט די קלײנע אי־סאַן, האָט זי אָנגעהויבן קלאָגן און יאָמערן.

— מאַמע, טײַערע מאַמע! איצט ערשט

האָב איך דיך אַ צווייטן מאָל פאַרלאָרן, שוין אויף אייביג פאַרלאָרן.

עס זיינען געקומען אירע פריינדינען און געטרייסט איר, אָבער זי האָט קיין טרייסט ניט אָנגענומען. איר פאָטער האָט איר געפרובט באַ־רוהיגן, אָבער זי האָט זיך ניט באַרוהיגט.

*

און די געטין קו־נאַ האָט צוגעקוקט אַלץ, וואָס דאָ איז געשען, און זי האָט דעם הייליגן גייסטלאַכן פאַרשאָלטן, פאַרוואס ער האט ביי דער קליינער אי־סאַן איר טרייסט צוגענומען.

אינהאַלט:

1. כאַנאַווע אָקיטשי.
2. דער בײַל.
3. דער אָראַנג=אוטאַנג.
4. קאַוואַמוראַ צויקען.
5. צוויי זשאַבעס.
6. דער פֿאַרכשופֿטער שפּיגל.

: : : דרוקעריי : : :
: : : : און : : : :
: : סטערעאָטיפּיע : :
מ. פּרושאַנסקי
: : ביאַליסטאָק. : :